**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט אפפערן פעדעראלע הילף פאר לאנג איילענד איינוואוינער און ביזנעסער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אנהויב יאנואר**

***פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט גיבן הלוואות מיט נידעריגע אינטערסעט פאר בארעכטיגטע איינוואוינער און ביזנעסער אין סופאָלק און נעסאו קאונטיס וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך שווערע רעגן און שנעלע ווינטן פון יאנואר 9-10, 2024***

***קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטערן וואו מען קען פערזענליך אראפקומען זיך צו עפענען אום מערץ 15***

***הלוואה אפליקאציעס פארעפנטליכט [אנליין]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration, SBA) וועט אפפערן פעדעראלע הילף פאר ניו יארקער אין לאנג איילענד וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע שטורעמס מיט שווערע רעגן און שנעלע ווינטן אין יאנואר 9-10, 2024. איינוואוינער און ביזנעסער אין סופאָלק און נעסאו קאונטיס זענען יעצט בארעכטיגט צו אפּלייען פאר הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט צו ארויסהעלפן מיט זייער ערהוילונג פון די חורבנות-אנזייענדע רעגנס.

"עס קומט נישט אז ניו יארקער און זייערע ביזנעסער זאלן דארפן אליין טראגן די לאסט פון די שטורעם ערהוילונג, און די הלוואות וועלן גיין א לאנגע וועג ביים העלפן די וועלכע זענען באטראפן געווארן זיך צוריק צו אויפבויען בעסער און שטערקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "לאנג איילענדער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך יאנואר'ס ווינטן זאלן זיין זיכער צו אפּלייען און אויסנוצן די צוגעקומענע פינאנציעלע שטיצע. א דאנק פאר די SBA פארן זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די הילפס-מיטלען זיך צו ערהוילן פון שווערע וועטער געשעענישן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אנהויב יאנואר האבן טיילן פון לאנג איילענד געזעהן שווערע רעגן און שנעלע ווינטן וואס האבן פאראורזאכט שאדנס צו היימער און ביזנעסער. א דאנק גאווערנער האקול און די שותפות מיט SBA, וועלן מיר יעצט קענען אפפערן פאר קליינע ביזנעסער און היים אייגנטימער פארלייכטערונג."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "שווערע רעגן און שנעלע ווינטן פריער דאס יאר האבן פאראורזאכט שאדן פאר היימער און ביזנעסער אין לאנג איילענד, און איך בין שטאלץ צו זעהן אז באטראפענע איינוואוינער און ביזנעסער וועלן יעצט קענען באקומען די פעדעראלע הילף וואס זיי דארפן

זיך צו ערהוילן. מאכן די קאטאסטראפע הלוואות צוגענגליך איז די ערשטע טריט פאר די אין די קאמיוניטי וואס זענען די שווערסטע באטראפן געווארן זיך צוריק צו אויפבויען און צוריק באקומען זייערע פרנסות. איך דאנק די BA פארן אפפערן די קריטישע פעדעראלע הילף און איך וועל ווייטער קעמפן צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן יעדע הילפסמיטל וואס איז נאר דא צו פארשנעלערן די ערהוילונג פראצעדור נאך שווערע וועטער פאסירונגען."

צווישן יאנואר 9-10, 2024 האט א סטעיט-ברייטע וועטער פאסירונג מיט מערערע סכנות אריבערגעשניטן א גרויסע חלק פון ניו יארק סטעיט, פאראורזאכנדיג באדייטנדע שאדן צו ביזנעסער און היימער. די וועטער האט אראפגעלאזט ביז אזויפיל ווי 3.5 אינטשעס פון רעגן אויף לאנג איילענד און איז געקומען אין די זעלבע צייט מיט הויכע וואסער שטאפלען פאראורזאכנדיג פארפלייצונגען. אום יאנואר 8 האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז זי האט אקטיווירט די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער אין אלבאני צו נאכפאלגן די שטורעם און קאארדינירן סטעיט אפרופונג אקטיוויטעטן. דורכאויס די שטורעם האבן סיי סופאָלק און סיי נעסאו קאונטיס דעקלערט א 'סטעיט אָוו עמערדזשענסי' פאר זייערע לאקאציעס צוליב שווערע וועטער אומשטענדן און ווירקונגען. נאך די וועטער האבן איינגעשטעלטע פון די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES), די קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע און סופאָלק קאונטי דורכגעפירט א גרונטליכע אפשאצונג פון די שאדנס.

די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע שטעלט צו קאטאסטראפע הלוואות מיט נידריגע אינטערעסט צו העלפן ביזנעסער און היים אייגנטימער זיך ערהוילן פון דעקלערטע קאטאסטראפעס. אפליקאנט, אריינרעכענענדיג ביזנעסער, היים אייגנטימער, טענאנטס און פריוואטע, נאָן-פראַפיט ארגאניזאציעס, מוזן זיך געפונען אין א פלאץ וואו א קאטאסטראפע איז דעקלערט געווארן, און זיי דארפן נאכקומען אנדערע תנאים צו זיין בארעכטיגט, געוואנדן אין די סארט הלוואה.

**סארטן קאטאסטראפע הלוואות**
די פאלגנדע קאטאסטראפע הלוואות זענען דא צו באקומען:

- **ביזנעס פיזישע קאטאסטראפע הלוואות** — הלוואות פאר ביזנעסער צו פאררעכטן אדער ערזעצן פארמעגן אין אייגנטום פון די ביזנעס וואס איז געשעדיגט געווארן דורך די קאטאסטראפע, אריינרעכענענדיג ריעל עסטעיט, סחורות וואס דארפן פארקויפט ווערן, סופלייס, מאשינעריי און עקוויפמענט. ביזנעסער פון יעדע מאס זענען בארעכטיגט. פריוואטע, נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס ווי וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס, קירכעס, פריוואטע אוניווערסיטעטן א.ד.ג. זענען אויך בארעכטיגט.
- **עקאנאמישע שאדן קאטאסטראפע הלוואה ( Economic Injury Disaster Loan, EIDL)** — הלוואות פאר אנגייענדע ביזנעס אפעראציעס וואס העלפן קליינע ביזנעסער, קליינע אגריקולטורישע קאאפעראטיוון, קליינע ביזנעסער וועלכע ארבעטן אין האדעוועון פיש און רוב פריוואטע, נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס פון אלע מאסן צו נאכקומען זייערע געוועונטליכע און נויטיגע פינאנציעלע פליכטן וואס זיי קענען נישט נאכקומען אלס א דירעקטע רעזולטאט פון די קאטאסטראפע.
- **היים קאטאסטראפע הלוואות** – הלוואות פאר היים אייגנטימער אדער טענאנטס צו פאררעכטן אדער ערזעצן ריעל עסטעיט און פערזענליך פארמעגנס וואס זענען געשעדיגט געווארן דורך די קאטאסטראפע, אריינרעכענענדיג קארן.

**קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטערן**
די SBA שטעלט אוועק קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטערן צו העלפן ניו יארקער אפּלייען פאר הילף דורכן אראפקומען פערזענליך.ביידע צענטערן וועלן זיך עפענען אום פרייטאג, מערץ 15, 11:00 אינדערפרי. זעהט אונטן פאר די אפענע שעות פוןביידע צענטערן נאך מערץ 15.

**Babylon Town Hall**, 200 Sunrise Hwy, Lindenhurst, NY 11757

- עפנט זיך פרייטאג, מערץ 15, 11:00 אינדערפרי.
- אפענע שעות (נאך מערץ 15):
  - מאנטאג ביז פרייטאג: 8:30 אינדערפרי – 4:30 נאכמיטאג
  - פארמאכט שבת און זונטאג.

**Mastic Recreation Center**, 15 Herkimer Street, Mastic, NY 11950

- עפנט זיך פרייטאג, מערץ 15, 11:00 אינדערפרי.
- אפענע שעות (נאך מערץ 15):
  - מאנטאג ביז פרייטאג: 9:00 אינדערפרי – 6:00 אוונט
  - שבת: 10:00 אינדערפרי – 2:00 נאכמיטאג
  - פארמאכט זונטאג.

ביידע צענטערן זענען געסקעדזשולט זיך צו פארשפארן פרייטאג, מערץ 29, 2024 אום 4:00 נאכמיטאג.

אפליקאציעס פאר קאטאסטראפע הלוואות קענען אריינגעגעבן ווערן אנליין נוצנדיג די MySBA הלוואה פארטאל אויף https://lending.sba.gov. אפליקאנטן קענען אויך אנרופן די SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער אויף 1-800-659-2955 אדער שיקן אן אימעיל צו disastercustomerservice@sba.gov.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען רופן 7-1-1 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

אויסגעפילטע אפליקאציעס זאלן אריינגעשיקט ווערן דורך די פאסט צו U.S. Small Business Administration, Processing and Disbursement Center, 14925 Kingsport Road, Fort Worth, TX 76155

די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר שאדנס צו פיזישע פארמעגנס איז **מאי 10, 2024**. די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר עקאנאמישע שאדן איז **דעצעמבער 11, 2024**.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן